בס"ד

# די צייטונג

NEWS REPORT
THE YIDDISH NEWSPAPER OF RECORD

ספעציעלע נייעס ביילאגע

די זעלבסטשטענדיגע אידישע צייטונג

דאנערשטאג
פ' שופטים
תשע"ד
THURSDAY,
AUGUST 28, '14

ברוך דיין האמת:

## פארלוירענער בחור, אהרן סופר ע"ה, געפונען לײדער נישט בין החיים דאנערשטאג נאכמיטאג

### - געפונען אין יער ירושלים נעבן "עין כרם" געגענט -

י. ירושלמי

דאנערשטאג ב' אלול, 9:00 אווענט (א"י צייט)

ירושלים. - גאר א ווייטאגליכע ענדע איז ל"ע ליידער גע־קומען צו די שפאנענדע דראמא, וואס האט באנומען דעם גאנצן חרדי'שן אידענטום אין ארה"ק און איבער דער גארער וועלט, א גאנצע וואך, נעמליך די זוכונגען פון דעם 23 יעריגן ישיבה בחור, אהרן סופר ע"ה, פון לעיקוואוד, ומבחירי ישיבת הרה"ג רבי צבי קאפלאן שליט"א, ווען אן "איחוד הצלה" מיט־גליד האט אין ראם פון די מאסיווע זוכונגען פון דעם פאר־שוואונדענעם בחור, אנטדעקט איצט פארנאכטס דעם לע־בלאזן קערפער צווישן הויכע גראזן און צווייגן, און האט באלד אלארמירט די פאליציי און זק"א וואלונטירן וואס זענען געווען אינעם אומגעגענט, און זיי האבן געשאצט לויט אלע ווארשיינליכקייטן אז דאס איז געוויס דער קערפער פונעם פארשוואונדענעם אהרן סופר ע"ה.

די פאליציי האט שוין מאנטאג נאכט אפגערופן די אינטענ־סיווע זוכונגען אינעם אומגעגענט פונעם פארשוואונדן, נאכ־דעם וואס קיין שום שפורן אדער מינדעסטע זאכן פונעם בחור איז נישט געפונען געווארן אינעם גאנצן ראיאן, וואס זאל כאטש געבן א שטיקל ריכטונג פאר די אויספארשער אין וועל־כע ריכטונג צו ארבייטן.

אדאנק די הארציגע ווענדונג פון די צעבראכענע עלטערן פון אהרן, וואס זענען באלד מוצש"ק געקומען צו פליען פון אמעריקע, כדי צו זיין ביי דער האנט, און די געטרייע חרדי'שע עסקנים, און מיט די הארציגע תפילות ישראל אי־בעראל, איז דאס זוכן נישט אפגערופן געווארן, און האט פאר־געזעצט דינסטאג, מיטוואך (טראצדעם וואס עס איז געווען דער ערשטער טאג פונעם נייעם אלול זמן, האבן די גרויסע ראשי ישיבות שליט"א אין ארה"ק באפוילן די בחורים נישט פוקד זיין די ספסלי ביהמ"ד און אנשטאט, אלס פיקוח, נפש פארזעצן מיט די זוכונגען) און דאנערשטאג. הונדערטער



## הב' אהרן סופר ע"ה



י.ש. דרעזדנער

הבחור אהרן סופר ע"ה האט אין זיינע ערשטע בחור'ישע יארן געלערנט אין לעיקוואוד אין די ישיבת אור משה וואו זיין פעטער הגאון רבי בנימין אייזמאן שליט"א דינט אלס ראש ישיבה, דערנאך איז ער געפארן קיין ארץ ישראל לערנען אין די בריסקער ישיבה פון הגאון רבי צבי קאפלאן שליט"א, וועלכער איז א באקאנטער ישיבה פאר מצויינים וועלכע זוכן אן אמעריקאנער אחריות אונטער אן ארץ ישראל'דיגן מצב.

אהרן ע"ה איז א זון פון הרב משה צבי סופר הי"ו פון לעיקוואוד, א באקאנ־טער חשוב'ער עושה תורתו קבע ומלאכתו ארעי, וועלכער איז פון די עשרה ראשונים ביים טעגליכן וותיקין מנין אין שטאט. ר' משה צבי איז א באקאנטער תומך תורה אין לעיקוואוד. ער איז אן איידעם ביי הרה"ג ר' משה אייזענמאן זצ"ל ראש ישיבת ווײנלאנד, וועלכער האט זיך פארעכענט פונעם ערשטן ראנג תלמידים פון הגאון רבי אהרן קאטלער זצ"ל, אויף אזוי ווייט, אז ער איז ספע־ציעל געפארן קיין ליטא צו לערנען במחיצתו.

דער זיידע פונעם בחור הרה"ג ר' משה אייזמאן זצ"ל איז געווען אן איידעם פון הגה"צ רבי אליעזר פאזען זצ"ל חבר פון לאנדאנער בית דין, און איז געווען באקאנט נאך אינדערהיים אין דייטשלאנד אלס א מקנא קנאת ד'. ער איז געווען א ברודער פון שאפראנער רב בעל תורת אל"ף זצ"ל. זייער מוטער האט געהייסן חולדה, און דער בחור'ס מוטער הייסט נאך איר, וואס איז נישט אזא באקאנטער נאמען, אויסער דעם וואס דאס ווערט דערמאנט אין תנ"ך אלס חולדה הנבואה.

אין לעיקוואוד איז פארגעקומען דינסטאג 1:15 מיטאג א גרויסע עצרת התעוררות, ווען הונדערטער בני ישיבה און אברכים האבן מתפלל געווען און גע־זאגט י"ג מידות של רחמים מעורר צו זיין די שערי שמים אז דער בחור אהרן בן חולדה זאל געפונען ווערן אינגיכן געזונט און פריש.



ביים עצרת תפלה אין לעיקוואוד







בחורים פון אלע היימישע ליטווישע און חסיד׳ישע ישיבות, יונגעלייט, ״הצלה״ און ״זק״א״ מיטגלידער, פאליציאנטן, פריוואטע רעטונג וואלונטירן פון די מתנחלים, האבן געארבייט לויט א סיסטעם און ארדענונג, וואס די אקציע קאארדינאטאר האבן טעגליך אויסגעשטעלט.

טראץ דעם אויסגעוועונליכן מסירת נפש, האבן די וואלונטירן אויך אנגעפאנגען פארלירן האפענונג, ווי די שטונדען און טעג האבן זיך גערוקט און קיין שפורן פון אהרן זענען נישט אפירגעקומען.

אומעטום אין ארה״ק און איבער דער גארער וועלט האט מען איינגעריסן וועלטן און געמאכט מניינים תהלים און עצרות תפילה לזכות הבה״ח אהרן בן חולדה, אז מען זאל אים אינגיכן טרעפן געזונטערהייט, אבער דערווייל איז ליידער נישט געווען קיין פאזיטיווע נייעס, און די מדינת ישראל אינסטאנצן האבן שוין עפענטליך גערעדט אז זיי פאנגען זיך אן צו פארלייגן אויפ׳ן שפיאנאזש פראנט, וואס מיינט אז קיין שום מעגליכקייט איז נישט אויסגעשלאסן אריינגערעכנט אז אהרן איז ח״ו פארכאפט געווארן דורך טעראריסטן, טראצדעם וואס זיי האבן אליין מודה געווען אז זיי באזיצן נישט די מינדעסטע שפורען אדער אנדייטונג, אין וועלכע ריכטונג צו פירן די אויספארשונג.

עסקנים און רעגירונג אינסטאנצן האבן שוין מאביליזירט עטליכע אראבישע שעיכ׳ן און ״פאמיליע עלטסטע״, וועלכע זענען ארויסגעקומען מיט א ווענדונג און פאדערונג צו די וועלכע האבן פארכאפט דעם חרדי׳שן ישיבה בחור, אז זיי זאלן אים זאפארט באפרייען, ווייל ער און זיינע קרייזן זענען גארנישט פארבינדן מיט׳ן מדינת ישראל-פאלעסטינער קאנפליקט, און אין דער גאס האט מען שוין עפענטליך שפאקולירט איבער די מעגליכקייט אז אהרן איז טאקע פארכאפט געווארן, טראצדעם וואס אויפ׳ן שטח זענען די אינטענסיווע זוכונגען ווייטער אנגעגאנגען, און אויף די אנווייזונגען פון די קאארדינאטארן איז די אקציע היינט פארברייטערט געווארן אויף א פיל גרעסערן שטח, היבש ווייט פון דעם ארט וואו מען האט אים דאס לעצטע מאל געזען.

דער דורכברוך איז געקומען אומגעפער ארום 5:00 אזייגער נאכמיטאג, ווען דער ״איחוד הצלה״ עסקן ר׳ ישראל ערליך הי״ו, וועלכער האט געזוכט אינעם אומגעגענט פון עין כרם (מער פון א מייל פון וואו אהרן איז פארשוואונדן פון זיין חבר) האט פונדערווייטענס באמערקט עפעס אויפפאלענד. ווען ער האט זיך מער דערנעטערט צום ארט, האט ער באמערקט א הוט אויף דער ערד, און דאן עפעס וואס האט אויסגעזען ווי א קערפער אנגעטועט אין שווארצע הויזן און א רעקל, ליגענדיג אויף דער ערד צווישן הויכע גראזן און צווייגן.

ער האט באלד אלארמירט זיינע ״הצלה״ קאלעגן מיט׳ן אפגעשמועסטן ״עס או עס״ סיגנאל אז ער בעט הילף, און אנדערע ״הצלה״ חברה זענען באלד אנגעקומען און געזען דאס וואס זיי האבן געהאפט נישט צו טרעפן...

זק״א און די פאליציי זענען געקומען, און האבן באלד אפגעשלאסן דעם גאנצן אומגעגענט, און די פאטאלאגישע אויספארשער זענען אריינגערופן געווארן. כאטש עס איז געווען שווער צו אידענטיפיצירן דאס פנים פון דער נפטר, האבן אלע ארומיגע סימנים און אנדייטונגען געלויטעט אז דאס איז ווארשיינליך דער טויטער קערפער פון דעם געזוכטן אהרן סופר ע״ה. מען האט מיט סענסיטיוויטעט איינגעמאלדן די גאר ביטערע בשורה פאר די פארוויייטאגטע עלטערן, און דערנאך עס אפיציעל פארעפענטליכט.

אינדערצייט וואס מיר באריכטן, האבן מיר זיך פארבינדן צו ר׳ בנציון אוירינג הי״ו פון די געטרייע זק״א וואלונטירן אין ירושלים, וועלכער האט בלויז קורץ געענטפערט אויף די פראגן פון ״די צייטונג״, אזוי ווי ער האט דאן געפירט דעם קערפער צום אבו קאביר פאטאלאגישן צענטער, כדי עס זאל קענען הונדערט פראצענט אידענטיפיצירט ווערן, אבער ער האט אונז מיט זיכערקייט באשטעטיגט, אז לויט וואס מען האט געזען אויפ׳ן קערפער, איז אהרן ע״ה נישט אטאקירט געווארן דורך קיינעם, נאר איז ווארשיינליך אויסגעגאנגען רח״ל פון פארטרוקעניש (דיהיידרעישאן).

ווי ס׳שיינט איז אהרן פארוואונדעט געווארן פון א פאל א.ד.ג. ווען ער האט זיך אפגעטיילט פון זיין חבר, פון וועלכן ער האט מעגליך גע׳חלש׳ט אדער איז געווען אזוי שוואך אז ער האט נישט געקענט ענטפערן אויף די רופען פון זיין חבר, און ווען ער איז שוין שפעטער געקומען צו זיך (צי דאס איז געווען ערש״ק אדער גאר אום שבת), האט ער זיך אנגעפאנגען דראפען און קריכען מיט די לעצטע כוחות כדי צו קענען ארויסקומען פון וואלד צום אפענעם ארט און אלארמירן הילף (ער האט נישט געהאט מיט זיך קיין סעלפאון), אבער אנשטאט אנצוקומען ערגעץ, איז ער נעבעך אריינגעקראכן טיפער אינעם וואלד, און ווען ער האט געזען אז ער קומט אין ערגעץ נישט אן, און דערווייל האט זיך אים זיינע כוחות אנגעפאנגען אויסצולאזן, איז ער ווארשיינליך אריין געקראכן צווישן די הויכע גראזן, און געדיכטע צווייגן, זיך עטוואס צו שיצן פון די שרעקליכע זון און היצן וואס האט געהערשט אין דער געגענט פרייטאג און שב״ק, און דארט האט ער ל״ע אויסגעהויכט זיין נשמה, ווארטענדיג אויף הילף.

לויט ווי ר׳ בנציון הי״ו גיט איבער פאר ״די צייטונג״, וועט נאך דויערן עטליכע שעה ביז אלע גענויע אונטערזוכונגען און אידענטיפיצירונג פראצעדורן וועלן פארטיג ווערן אינעם פאטאלאגישן אינסיטוט, אין לויף פון וועלכן די געטרייע עסקנים שטייען על המשמר אז דער כבוד המת זאל טראץ די שווערע אומשטענדן, פולפארטיג געהיטן ווערן לויט דער הלכה, וואס מיינט אבער אז די לוי׳ פון הב׳ אהרן סופר ע״ה וועט - אין בעסטן פאל - נישט פארקומען ביז ערשט מארגן ערש״ק צופרי.

*

(מער איינצלהייטן, פרישע אנטוויקלונגען און א לענגערער שמועס מיט די טעטיגע אין די זוכונגען, אינעם קומענדיגן נומער פון די צייטונג אי״ה.)









